**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/16/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אז יוטיקע איז אויסדערוועהלט געווארן אלץ די פלאץ וואו די 2024 אינטערנאציאנאלע אייס האַקי פעדערעישען'ס אלוועלטליכע פרויען פארמעסט וועט פארקומען

***די בעסטע פרויען האַקי שפילער פון ארום די וועלט וועלן זיך פארמעסטן אין די מאוהאק וואלי אין פרילינג פון 2024***

***אנגעזעהענע אינטערנאציאנאלע פארמעסט קערט זיך צוריק קיין ניו יארק נאך 30 יאר***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז יוטיקע איז אויסדערוועהלט געווארן אלץ די פלאץ וואו די 2024 אינטערנאציאנאלע אייס האַקי פעדערעישען'ס ( International Ice Hockey Federation, IIHF) אלוועלטליכע פרויען פארמעסט וועט פארקומען, דערוועיל געהייסן פאר אפריל 4-14, 2024. USA Hockey וועט אפהאלטן די פארמעסט צוזאמען מיט די אָפּער מאוהאק וואלי מעמאריעל אודיטאריום אויטאריטעט און די Adirondack Bank Center און יוטיקע אוניווערסיטעט Nexus Center. די IIHF אלוועלטליכע פרויען פארמעסט איז די גרעסטע אינטערנאציאנאלע פארמעסט אין פרויען אייס האַקי. יוטיקע וועט ענטפאנגען צען אינטערנאציאנאלע טיעמס, 350 שפילער, 30,000 לאקאלע איינוואוינער און 20,000 באזוכנדע איינוואוינער צו די מאוהאק וואלי.

"די 2024 IIHF אלוועלטליכע פרויען פארמעסט אין יוטיקע וועט אפצייכענען די קומענדיגע קאפיטל פון ניו יארק'ס ווינטער ספארט היסטאריע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלץ די היים פון די 1994 IIHF אלוועלטליכע פרויען פארמעסט, און אזוי אויך פון די 1932 און 1980 ווינטער אלימפיקס און די היי-יאריגע FISU ווינטער אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן — איז ניו יארק סטעיט שטאלץ מיט איר איבערגעגעבנקייט צו ווינטער ספארטס און טוריזם. יעצט, א דאנק באדייטנדע סטעיט אינוועסטירונגען און מאדערניזירונגען צו לאקאלע אינפראסטרוקטור, גרייטן זיך יוטיקע און אניידע קאונטי צו צו אויפנעמען טויזנטע ספארטסלער און איינוואוינער צו די וועלט'ס גרעסטע פרויען אייס האַקי פארמעסט און צו ענטפאנגען די וועלט צו די מאוהאק וואלי."

**אינטערנאציאנאלע אייס האַקי פעדערעישען פרעזידענט, לוק טארדיף, האט געזאגט,** "אין די נאמען פון די IIHF וויל איך גראטולירן יוטיקע סיטי פארן זיך פארדינען די כבוד פון אפהאלטן די 2024 IIHF פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט ביי זיי. עס איז וואונדערבאר צו זיין צוריק אין די פאראייניגטע שטאטן פאר די וויכטיגע פרויען פארמעסט, און נאך מער צו צוריקקומען צו ניו יארק סטעיט וואס האט לעצטנס אפגעהאלטן די IIHF אייס האַקי U18 פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט און די IIHF אלוועלטליכע קינדער פארמעסט, אבער די פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט האבן זיי נישט געהאט זינט לאנג צוריק אין 1994. די לעצטע מאל וואס די IIHF פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט איז אפגעהאלטן געווארן דורך USA Hockey איז געווען אין 2017, און היסטאריע האט געוויזן אז עס איז געווען פון די וויכטיגסטע און מערסט באגייסטערנדע IIHF פארמעסטן אין די היסטאריע. אסאך האט זיך געטוישט אין די פרויען'ס פארמעסטן פון 1994 ביז 2017 און ביז היינט, און כאטש אנהענגער וועלן זיכער זיין

באגייסטערט צו זעהן נאך א קאפיטל אין די איסערגעווענטליכע פאראייניגטע שטאטן-קאנאדע פארמעסטן, דאך מוטיגן מיר אויך מענטשן צו זעהן ווי די טיעמס פון אייראפע און פון די ווייטע מזרח אויך אנקומענדיג צו די הויכע שטאפלען. פינלאנד און שוועדן, טשעכיע און שווייץ, דייטשלאנד און יאפאן האבן אלע אהערגעשטעלט איסערגעווענטליכע שפילן אין ברעמפטאן, אָנטאַריאו, אין 2023, און מיר ערווארטן די לענדער צו שטעלן נאך א שטייפערע פארמעסט פאר די צפון אמעריקאנע טיעמס אין 2024."

**USA Hockey עקזעקיוטיוו דירעקטארין, פעט קעלעהער, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו האבן די IIHF פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט צוריק אין די פאראייניגטע שטאטן, און מיר וואלטן נישט געקענט זיין מער באגייסטערט צו ברענגען די געשעעניש צו יוטיקע. די פירערשאפט פון די מאוהאק וואלי גאַרדען גרופע, אנגעפירט דורך ראבערט עש, בשותפות מיט אונז, און די שטיצע פון ניו יארק סטעיט, אניידע קאונטי, Turning Stone Resort און יוטיקע סיטי זענען געווען פאנטאסטיש. עס איז נישט אפט צו זעהן אלוועלטליכע פארמעסטן אין די פאראייניגטע שטאטן, און מיר ווייסן אז אנהענגער וועלן געניסן פון די געלעגנהייט צו זעהן די בעסטע פרויען האַקי שפילער אין די וועלט מיט די אייגענע אויגן קומענדיגע אפריל."

**מאוהאק וואלי גרופע פרעזידענט און געוועזענער NHL נעטמיינדער, ראבערט עש, האט געזאגט,** "אפהאלטן א פארמעסט אזוי אנגעזעהן ווי די IIHF פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט איז אן אמת'ע כבוד, און עס צייכנט אפ נאך א הצלחה פאר די יוטיקע אוניווערסיטעט'ס Nexus Center און פאר די Adirondack Bank Center אזוי ווי מיר זעצן פאר צו מאכן וואקסן און אויפבויען די ספארטס היסטאריע אין יוטיקע סיטי. מיר זענען זייער מזל'דיג צו קענען ארויסווייזן די העכסטע שטאפל פון פרויען'ס האַקי אין די וועלט, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן בשותפות מיט USA Hockey צו אהערשטעלן די בעסטע ערפארונג וואס איז נאר מעגליך."

**יוטיקע מעיאר ראבערט מ. פאלמיערי האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט אז יוטיקע סיטי וועט אפהאלטן די אינטערנאציאנאלע אייס האַקי אלוועלטליכע פרויען פארמעסטן. דאס איז נאך א צייכן פון אונזער שוואונג און גרויסע פאטענציאל אלץ א שטאט. יוטיקע סיטי האט פילע האַקי אנהענגער און א פארשידנארטיגע גאסטגעבונג קולטור וואס וועט מאכן די געשעעניש פאר אן אומפארגעסליכע איבערלעבעניש פאר די טיעמס און פאר אונזערע איינוואוינער. דאס איז אלעס מעגליך ווייל ניו יארק סטעיט, אניידע קאונטי, די מאוהאק וואלי גאַרדענס און יוטיקע סיטי טיילן מיט א חזון און פארפליכטונג צו ברענגען די יוטיקע אוניווערסיטעט Nexus Center צום באנוץ. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר אלע אנדערע שותפים וועלכע האבן ערמעגליכט די אנאנס. אונזער שטאט וועט זיין גרייט צו אפהאלטן אן ערשט-קלאסיגע פארמעסט, און מיר זענען באגייסטערט פאר די ערשטע 'פּאַק' צו אראפגעלייגט ווערן."

אין דעצעמבער 2022 האט גאווערנער האקול [אנאנסירט](#) די עפענונג פון די נייע 64 מיליאן דאלארדיגע יוטיקע אוניווערסיטעט Nexus Center אין יוטיקע'ס שטאטישע צענטער וואס איז געשטיצט געווארן מיט 22 מיליאן דאלאר דורך די אפסטעיט אויפלעבונג איניציאטיוו ( Upstate Revitalization Initiative). די 170,000 סקווער-פיסיגע קאמפלעקס פאר פארמעסטן און ספארטס ווערט גענוצט פאר אייס האַקי, באקס לעקראָס, סאקער און אנדערע פעלד ספארט שפילערייען, און עס ציהט צו פארמעסטנדע טיעמס פון אריבער די פאראייניגטע שטאטן און קאנאדע. די Nexus Center איז פאראויסגעזאגט צו אפהאלטן 24 האַקי און 24 לעקראָס פארמעסטן יעדע יאר, אריינגעמנדיג מער פון 320,000 יערליכע באזיכער און אויפטרייבנדיג איבער 26 מיליאן דאלאר יערליך אין דירעקטע שפענדונגען פון באזיכער.

ניו יארק סטעיט האט געשטיצט די Adirondack Bank Center מיט 10.5 מיליאן דאלאר פאר מאדערניזירונגען צו די איינריכטונג. אין צוגאב איז Genesee Street אין יוטיקע'ס שטאטישע צענטער אויסדערוועהלט געווארן אלץ געווינער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענט אין 2019 וואס העלפט שטופן די שטאט צו א לעכטיגערע צוקונפט דורכן אריינציהען נייע ביזנעסער, איינוואוינער און באזיכער צו יוטיקע.

די אינוועסטירונגען בויען ארויף אויף- און זענען פאר- גאווערנער האקול'ס טיפע איבערגעגעבנקייט צו אויסנוצן און פייערן ניו יארק'ס רייכע היסטאריע פון ווינטער ספארטס, אריינרעכנענדיג לעצטיגע שטיצע פאר די FISU 2023 אלוועלטליכע אוניווערסיטעט שפילן וועלכע זענען לעצטנס אפגעהאלטן געווארן אין לעיק פלעסיד און אין פלעצער ארום די נארט קאנטרי.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "דאס איז א באווייז אז אונזערע סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין פראיעקטן ווי די יוטיקע אוניווערסיטעט Nexus Center און איניציאטיוון ווי די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו וועלן טרייבן די עקאנאמיע אויף פאראויס. עס דערפרייידט אונז צו פייערן יוטיקע'ס הצלחה, און מיר זענען באגייסטערט אז טויזנטע באזיכער וועלן האבן די ערפארונג פון די געוואלדיגע האַקי קולטור אין יוטיקע און די געוואלדיגע אטראקציעס אין די מאוהאק וואלי ראיאן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וויצע פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון טוריזם, ראס ד. לעווי, האט געזאגט,** "I LOVE NY איז באגייסטערט צו באגרוסן די IIHF אלוועלטליכע פרויען פארמעסט צוריק אין ניו יארק סטעיט. יוטיקע איז נישט בלויז א געוואלדיגע שטאט פאר האַקי; די שטאט און די ארומיגע ראיאן אפפערן געוואלדיגע אטראקציעס און אקטיוויטעטן פאר א פולשטענדיגע וואקאציע פאר די פארמעסט ספארטסלער און ביישויער צוגלייך. פון אייגנארטיגע עסנווארג ביז היסטארישע ערטער און דרויסנדיגע פארוויילונגען — קוקן מיר ארויס צו אדווערטייזען די פארמעסט אלץ די נייעסטע געלעגנהייט פאר רייזנדע צו אנטדעקן וואס זיי האבן ליב אין ניו יארק סטעיט."

**סטעיט סענאטאר דזשאָוסעף גריפאָו האט געזאגט,** "די אנאנס אז די IIHF 2024 פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט קומט צו די Adirondack Bank Center בי די יוטיקע מעמאריעל אודיטאריום און צו די יוטיקע אוניווערסיטעט Nexus Center איז פריידיגע נייעס פאר יוטיקע סיטי, אניידע קאונטי, די מאוהאק וואלי און צענטראל ניו יארק. די פארמעסט וועט זיין א געוואלדיגע עקאנאמישע טרייב קראפט פאר רעסטוראנטן, האטעלן, ביזנעסער און קאמיוניטיס אין די געגנט, און עס וועט זיין א באדייטנדע געלעגנהייט צו ארויסווייזן אלעס וואס די ראיאן האט צו אפפערן פאר טויזנטע באזיכער און ביישויער פון ארום די וועלט. איך בין דאנקבאר פאר די באמיאונגען פון יעדן איינעם וואס איז געווען פארמישט ביים מאכן די געדאנק מן הכוח אל הפועל, און איך קוק ארויס צו זעהן די ענטוזיאסטישקייט, אקטיוויטעט און געוואלדיגע האַקי וואס וועט עס באגלייטן."

**אסעמבלי מיטגלידערין מעריען באָטענשאן האט געזאגט,** "דאס איז א געוואלדיגע געלעגנהייט פאר די שטאט אזוי ווי עס וועט זיין א מאמענט פאר די קאמיוניטי צו ארויסווייזן אלעס וואס יוטיקע האט צו אפפערן. איך בין מער פון דאנקבאר פאר די אנדערע געזעצגעבער און פאר די גאווערנער פאר זייער שטיצע פאר די יוטיקע אוניווערסיטעט Nexus Center, פאר די שטאט און פאר די מאוהאק וואלי ראיאן. די Adirondack Bank Center און Nexus זענען אויסערגעווענטליכע איינריכטונגען וואס פארדינען זיך די גרויסע אנערקענונג."

די IIHF אלוועלטליכע פרויען פארמעסט האט זיך אנגעהויבן אין 1990 און איז די לעצטע מאל געווען אין ניו יארק סטעיט אין 1994 ווען לעיק פלעסיד האט אפגעהאלטן די פארמעסט. די פאראייניגטע שטאטן האט אפגעהאלטן די IIHF פרויען'ס אלוועלטליכע פארמעסט פיר מאל אין די פארגאנגענהייט אין

בוירלינגטאן, ווערמאנט, און אין מיניעפאליס, צווישן אנדערע שטעט. קאנאדע און די פאראייניגטע שטאטן האבן דאמינירט די פארמעסט זינט עס האט זיך אנגעהויבן. קאנאדע האט געוואונען גאלד אין די ערשטע אכט פארמעסטן אין א ציה, און די פאראייניגטע שטאטן האט געוואונען גאלד איןניין פון די לעצטע עלף פארמעסטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן